**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/5/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז ארבעט וועט זיך אנהויבן צו בויען א נייע ראונדעבאוט לענגאויס סטעיט רוט 376 אין דאטשעס קאונטי

***פראיעקט וועט אויספלאנירן פונדאסניי דאס אינטערסעקשאן מיט הוקער אוועניו אינעם טאון פון פאוקיפסי צו פארבעסערן דאס פלוס פון טרעפיק און פארשטערקערן זיכערהייט לענגאויס פארנומענע שאסיי***

***נייע פיסגייער איינריכטונגען וועלן פארבעסערן צוטריט צו וואסאר קאלעדזש***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ארבעט וועט זיך באלד אנהויבן אויף א 11.4$ מיליאן פראיעקט צו אויספלאנירן פודאסניי דאס אינטערסעקשאן פון סטעיט רוט 376 (אויך באקאנט אלס רעימאנד אוועניו/ניו האקענסאק ראוד) און הוקער אוועניו אינעם טאון פון פאוקיפסי צו מאכן א מאדערנע, איינצלנע-לעין ראונדעבאוט וואס וועט פארשטערקערן זיכערהייט און פארבעסערן דאס פלוס פון טרעפיק לענגאויס די וויכטיגע דאטשעס קאונטי שאסיי. די נייע ראונדעבאוט וועט פארמאגן אייגענע פלאנצונגען און וועט ווערט געמאכט צו פארמינערן מעגליכע שטרויכלונגען וועלכע דרייווערס און פיסגייער באגעגענען זיך מיט, און מאכן ווייניגער טרעפיק פארקער. נייע קראסוואקס, סיידוואקס און אנדערע פיסגייער איינריכטונגען וועלן אויך פארבעסערן צוטריט צו דערנעבנדע צילן, אריינגערעכנט וואסאר קאלעדזש און וואסאר פארמס.

"ניו יארק סטעיט פירט ווייטער די וועג מיט איבערבויען אונזער אונפראסטרוקטור צו ערמעגליכן א שטארקע טראנספארטאציע נעטווארק וואס באהעפט בעסער קאמיוניטיס און ברענגט מענטשן צו וואו זיי דארפן אנקומען אויף א זיכערע פארנעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ראונדעבאוטס זענען שנעלער, בעסער פאר די ענווייראמענט, און פארשטערקערן זיכערהייט און באוועגונג פאר דרייווערס און פיסגייער צוגלייך אינעם צייט וואס זיי פארן אדורך פארנומענע ערטער."

די פראיעקט איז פלאנירט געווארן און געבויעט ווערן צו ערפולן די צילן פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס "גאנצע-גאסער" (Complete Streets) פלאן צו באטראכטן זיכערע, באקוועמע צוטריט און באוועגונג פאר שאסיי באנוצער פון אלע יארגענע און פעאיגקייטן. גאנצע-גאסער פראיעקטן נעמען אין באטראכט די באדערפענישן פון פיסגייער, ביציקליסטן, פובליק טראנספארטאציע באניצער, דרייווערס, קינדער, עלטערע מענטשן און מענטשן מיט דיסאביליטיס. גאנצע-גאסער דעזיינס לייגן צו צו א ריינערע און מער ענווייראמענטליך-פריינטליכע טראנספארטאציע סיסטעם.

ראונדעבאוטס זענען געמאכט צו פארשטערקערן זיכערהייט דאס מערסטע מעגליך און פארמינערן טרעפיק פארקער. אין פארגלייך צו **גוויסע אלטע** אינטערסעקשאנס, פליסט טרעפיק בעסער דורך ראונדעבאוטס, שניידנדיג פארקער און רייזע צייט. צוזאמשטויסונגען ביי ראונדעבאוטס זענען געווענליך נישט אזוי ערנסט וויבאלד זיי פאסירן געווענליך ווען מען פארט היבש שטייטער. ראונדעבאוטס נעמען

אויך אוועק די נויט פאר עלעקטרישע טרעפיק סיגנאלן. פאר טיפס אויף וויאזוי צו זיכערהייט פארן ביי ראונדעבאוטס, קוקט איבער די הילפבארע ווידעא פון אנווייזונגען: www.youtube.com/watch?v=xcxnCngm7E4

מיט'ן אויספלאנירן די פראיעקט, האט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (NYSDOT) געבעטן עצות פון וואסאר קאלעדזש באאמטע און וויכטיגע מיטגלידער פון די קאמיוניטי. אלס רעזולטאט, וועט די נייע ראונדעבאוט אויך ברענגען צו בעסערע צוטריט צו די קאלעדזש'ס פיסגייער וועג, נייע שטאב הייזער און וואסאר פארם'ס נייע אריינגאנגס גאס.

אויך, געבט די פראיעקט נייע פלאץ פאר פלאנצונגען, אריינגערעכנט אינעם צענטער פונעם ראונדעבאוד. זיך צו האלטן מיט די שיינקייט פון די קאמיוניטי, האבן NYSDOT פלאנצונג ארכיטעקטן אנטוויקלט א פלאן פאר פלאנצונגען וועלכע נעמען אריין אומגעפער 59 אייגענע בוים פלאנצונגען און איבער 600 אייגענע פערעניעל קליינע פלאנצונגען. NYSDOT האט אויך אויפגענומען דיגיטאלע דעליווערי מיטלען מיט'ן צוגרייטן די פראיעקט, וואס דאס באגרעניצט די צאל פאפירענע דאקומענטן ארויסגעגעבן און ברענגט צו א שטערקערע און ענווייראמענטאל-פריינטליכע רעזולטאט.

פעלד צוגרייטונג, אונטערזוכונג און יוטיליטי ארבעט הויבט זיך אן דעם פרילינג, מיט די מערהייט פון די פראיעקט בוי-ארבעט באשטימט פאר די 2024 בוי-ארבעט סעזאן. בוי-ארבעט איז ערווארטעט צו געטון ווערן אין שטאפלען און וועט אריינרעכענען טרעפיק שיפטס און נעמען רייעס מיט איין-לעין טרעפיק מיט שליסונגען פון צייט צו צייט. די פראיעקט איז באשטימט צו ווערן פארענדיגט אינעם פרילינג פון 2025.

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמיסיאנערין מערי טערעזע דאמינגעז האט געזאגט,** "ביי DOT לייגן מיר געוויכט אויף די מענטשן און קאמיוניטיס וועלכע מיר סערווירן, און די פראיעקט שטרייכט אונטער די פילאזאפיע מיט געוויכט אויף אינפראסטרוקטור לעזונגען וועלכע נוצן פולקאמע גאס פרינציפן וועלכע סערווירן די קאמיוניטי. איבערטוישן די פארנומענע דאטשעס קאונטי אינטערסעקשאן צו א ראונדעבאוט וועט פארמינערן טרעפיק פארקער און אינעם זעלבן צייט פארשטערקערן זיכערהייט און פארבעסערן צוטריט פאר אלע באנוצער פונעם טראנספארטאציע סיסטעם."

**סטעיט סענאטאר ראבערט ראליסאן האט געזאגט,** "די אינפראסטרוקטור פראיעקט וועט לייכטער מאכן טרעפיק לענגאויס א פארנומענע קארידאר, פארשטערקערן דרייווער און פיסגייער זיכערהייט, און אויסברייטערן טראנספארטאציע אויסוואלן פאר'ן טאון פון פאוקיפסי איינוואוינער און אנדערע. איך אפלאדיר דעם גאווערנער און טראנספארטאציע דעפארטמענט באאמטע פאר אינוועסטירן אין אונזער האדסאן וואלי שאסייען און איך קוק ארויס פאר דאס פארענדיגונג פון די גאר-נויטיגע ראונדעבאוט."

**אסעמבלימיטגליד דידי בארעט האט געזאגט,** "אלס א לאנגיעריגע שטיצער פון גאנצע-גאסער פרינציפן, וועלכע שטרעבן צו פארזיכערן דאס זיכערהייט און גלאטע פלוס פון טרעפיק און ווי אויך זיך צושטעלן צו דרייווערס, ביציקליסטן, פובליק טראנספארטאציע און פיסגייער פון אלע יארגענג און פעאיגקייטן, בין איך זייער צופרידן צו זען די גרויסע איבערבויען פראיעקט וואס הויבט זיך אן ביי הוקער און רעימאנד אוועניוס, גלייך אראפ די גאס פון אונזער דיסטריקט אפיס אין די טאון פון פאוקיפסי. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול און די NYS טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר זייער שטיצע פון די קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונג."

NYSDOT שטעלט צו נאך אינפארמאציע אנליין איבער ראונדעבאוטס, און אזוי אויך בראשורן וואס מען קען דאונלאוד'ען, אויף www.dot.ny.gov/main/roundabouts. א ווידעא מיט אנווייזונגען אויף וויאזוי זיך צו אומגיין זיכערהייט ביי ראונדעבאוטס איז אוועילעבל אויף driving roundabouts.

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פארן שטייטער און צו דרייווען פאראנטווארטליכערהייט אין ארבעט'ס זאנעס. קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען פירן דערצו אז א מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל סוספענדירט ווערן.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT און @NYSDOTHV. טרעפט NYSDOT אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן